בעזהי"ת

אריסטון (פי' סעודה גדולה) עתיד הקב"ה לעשות לעבדיו הצדיקים לע"ל, וכל מי שלא אכל נו"ט בעוה"ז זוכה לראותו. (ויקרא רבה פ"י).
לע"ל הקב"ה מוציא כרוז כל מי שלא אכל בשר חזיר מימיו, יבוא ויטול שכרו (קהלת רבה פ"א סי כ"ח).

# מדריך לכשרות

## — ירחון דהתאחדות הקהלות —

**כולל תשובות, מכתבים ובירורים בענין כשרות המאכלים**

ב"ה. חודש אלול-תשרי ה'תשל"ד-ל"ה — שנה א' קונט' ד' (כרך א')

בפיקוח מוה"ר **משה שטרן** שליט"א
הגאב"ד דקהלתנו קהל יסודי התורה (מלפנים אב"ד דעברעצין)

**יוצא לאור בהשתתפות הרבנים והקהלות ולומדי תורה**
**דעיר רבתי ניו יארק**

Published by the
**VAAD HAKASHRUS**

**ווע ד הכשרות**
דהתאחדות הקהילות

Annual Subscription
$4.00

# MADRICH LAKASHRUS

# 5735

**Aug.-Sept., 1974** — **Vol. 1, No. 4**

# בשורה טובה ליהדות החרדית

## זה עתה יצא לאור

# מדריך לכשרות

## מאת התאחדות הקהילות דעיר החרדית בארא פארק

בפיקוח הה"ג מוהר"ר

אדמו"ר **משה שטרן** שליט"א

אב"ד דקהל יסודי התורה (מלפנים אב"ד דעברעצין)

**כולל תשובות ומכתבים ובירורים בענין המאכלים לפסח ולכל ימות השנה**

החיבור „מדריך הכשרות" הוא חיבור יחיד במינו, כשמו כן הוא, מדריך ומורה דרך הכשרות, לכל מיני מאכלים המותרים והאסורים לפסח ולכל ימות השנה

* * *

זאת הפעם הראשונה בתולדות היהדות החרדית בארה"ב שהופיעה לאור עולם רשימה גדולה מהמון מאכלים המותרים והאסורים

**הרשימה היא דבר נחוץ בכל בית יהודי המדקדק בכשרות המאכלים**

אפשר עוד לקבל במספר מצומצם מדריכים הקודמים

יוצא לאור בהשתתפות הרבנים והקהילות ולומדי תורה
דעיר רבתי ניו יארק


ועד הכשרות
דהתאחדות הקהילות

מכתבים ובירורים בענין
כשרות המאכלים

**VAAD HAKASHRUS**
P.O. BOX 56
BROOKLYN, N.Y. 11228
Tel: 232-3100



דפוס אופסט „מוריה"
MORIAH OFFSET COMPANY
160 JOHN STREET

## גילוי דעת

## נא לקרות בתשומת לב

אחרי אשר זיכנו ה' להגיש לפני קהל קוראינו שיחי' הצמאים לדבר ד' את חוברת הד' "מדריך הכשרות",מצאנו לנכון להביע ולגלות קבל עם את יסוד ואופן עבודת חבורתינו הקדושה,ובזה יתיישרו עקשי לב מיתרים המסובכים ורעיונות הנבוכים אשר כנראה ממאות המכתבים עדיין לא נתבררו אצל הרבה מקוראינו תהלוכת ושאיפת חבורתינו ,על כן נקוה כי יהי' דברינו הבאים לשביעת רצון כל המשתוקקים לידע האמת.

א) חבורתינו נתייסדה ע"י חברי בע"ב אשר יראת ה' נגע ללבבם לראות את הפירצה הגדולה בחומת הכשרות אשר כל איש הישר בעיניו יעשה ואין פוצה פה ,והגיע עד כדי כך שהבעלי מסחר בעצמם הם מוחזקים לנאמנים וכולם אוכלים על פיהם בלי פקפוק וכדו' וכו' ,ע"כ לא נחו ולא שקטו ותרו אחד רב מובהק שיורה להם הדרך (כי אין לעשות בענין כשרות בלא רב ח"ו) ואחרי מאמצים וקישויים איגה ה' לידם את אדמו"ר הרהגה"צ המפורסם מו"ה משה שטערן שליט"א אבדק"ק דעברעצין יצ"ו בעהמ"ח שו"ת באר משה, אשר אומץ רוחו וישרותו הנאמנה המריצוהו לקבל על עצמו המשא הכבדה הזה. ובכל זה! באמת ידינו פרושות לקבל עצות והדרכות ,ובעיקר התנדבות שיתוף פעולות מיתר מרנן ורבנן הגאונים שליט"א ,ואדרבא שכרם יהי' כפול מן השמים בהטותם שכמם לסבול את משא העם הזה למנוע מלהתפטם במאכלים אשר לא יאותו -ולהבהיר את אשר נכון לאכול ואת אשר לרחק .

ב) ומדברינו נתברר היטב -כי אמנם- יש נפ"מ בין חבורתינו ובין שאר אירגונים אשר נתיסדו עד עתה בעניני הכשרות.

א) כי אין עבודתינו בעד בצע כסף,ולכן נקוה כי יהי' סייעתא דשמיא במעשי ידינו שלא להכשל בחשש נגיעות ושוחד ח"ו.

ב) כי אין אנו נותנים הכשרים,וגם זה משום הרחקה.

ומעתה נאותה לנו הנדפס במודעותינו " זאת הפעם הראשונה " בתולדות היהדות החרדית ,כי אכן כך הוא בעזה"ת,ותקותינו חזקה לה' שלא תמוט רגלינו ,ונוכל לעמוד איתן מול הרוחות הסוערות למען ה' ותורתו .

ג) אין אנו רואים שום פגיעה בכבוד מי שיהי' אם אנו מבקשים לחקור ולדרוש על אופן נתינת ההכשר של מי שהוא ,כי אדרבה כך הוא המדה כי היכי דלימטי שיבא מכשורא ורשות לקהל קודש לידע את אשר לפניהם מה טיב האוכל הבא לפיהם ואין בזה משום גסות הרוח כי אין הכונה לקנטר ח"ו אלא למען הבהרת האמת האהוב מכל.

## אנווייזונגען פאר די פעסטשטעלונגען

א) ווען מיר באשרייבען א פראדוקט וואס לויט אונזער באשרייבונג האט דאס נישט קיין חששות, מיינט נישט דאס מיר גיבען דארויף א הכשר אויף קיין שום פאל (סיי מיט געלד סיי אהן געלד) מיר זענען נאר מברר די מציאות. לויט די מציאות זאל יעדער פרעגען זיין רב ווי אזוי זיך צו פירען.

ב) ווען אויף א פראדוקט וואס מיר באשרייבען געפונט זיך א הכשר פון ווענמען אימער (פון אינדיווידואלן רב אדער פון א ארגעניזאציע) מיינט נישט אז דורך דעם וואס אויף דעם ארטיקעל געפינט זיך נישט קיין חששות, זענען אויטומאטיש אלע אנדערע ארטיקלען אויף וועלכע עס געפינט זיך דער דאזיגער הכשר אויך אהן חששות! מיר האבען נאר מברר געווען די מציאות פוני"ם בעהאנדעלטען ארטיקעל.

## פעסטשטעלונגען

מיר גיבען קיינע הכשרים. מיר שטעלען נור פעסט די פאקטען
עד מקום שידנו מגעת.

א"י (ספעציאלע באריכט), די פאלגענדע פראדוקטען; ליבער (א"י) - עלית - כרמית - האבען נישט קיין הכשר וואס איז באוויסט אלס פארלעסליך...

### אינגרידיענטס

אויב וואהר מיר האבען געשריבען דאס מען טאר זיך נישט סומך זיין דורך אפלייגען די אינגרידיענטס לקולא, אבער לחומרא מוז מען יא זיין וואכזאם, מיר זענען איבערצייגט געווארען דורך פאקטען דאס מען ווערט נכשל אין קויפען פארשידינע פראדוקטען וואס אויב מען וואלט געליינט די אינגרידיענטס וואלט מען זיך דערווייטערט דערפון, דעריבער וועלען מיר דא אויסרעכענען א טייל פון די מער אלגעמיינע אינגרידיענטס וועלכע האבען אויף זיך געווענליך חששים. אויף וועלכע מען דארף זיך נאכפרעגען

| | |
|---|---|
| קאלציום סטיריעט | Calcium Stearate |
| קאלציום סטיריאול | Calcium Stearoyl-2- |

| | |
|---|---|
| קרעם אָף-טארטאר | |
| עמולספייערס | Emulsifiers |
| זשעלאטין | Gelatin |
| גליצערין | Glycerin |
| גליצין | Glycin |
| גליצעריל מאנא סטיריעט | Glycerl Monostaerate |
| גליצעריד | Glyceride |
| גום בעיס | Gum Base |
| לאקטאס-לאקטיק עסיד(ווערט ערצייגט פון מילך עס פארשטייט זיך חלב עכו"ם) | Lactose- Lactic Acid |
| מאנא ענד דע-גליצערידס | Mono and Di- Glycerides |
| פעפסין | Pepsin |
| פאליסארבאטע 60, 80 | Polysorbate 60,80 |
| פאלי גליצעריל | Polyglyceril |
| רענעט | Rennet |
| וועדזשעטעיבען אויל | Vegetable Oil |
| שארטענינג | Shortening |
| סטיריק עסיד | Stearic Acid |
| סארביטען מאנאסטיריעט | Sorbitan Monostearate- |

## בראנפענס

צוליב פיל הערות און נייע אנטוויקלונגען אין די בראנפען אינדוסטרי, איז פארבליבען אונזער רעפארט אויף די בראנפענס.

## בוטשער סטארס

בוטשער סטארס אפי' ווי עס איז דא א הכשר פון א רב מיינט דאס נאר, דאס דער רב גיבט דעם הכשר פון דער צייט ווען די פלייש קומט אריין אין דעם בוטשער סטאר (ווי ניקור, ומליחה, וכדומה) אבער נישט אויף די שחיטה ובדיקה פון פלייש.

בוטשער סטארס

עס איז פארהאנען בוטשער סטארס וועלכע נעמען אריין פארשידינע פליישען און כדי צו ציהען קונדען אדווערטייזען זיי דאס זיי האבען גלאט פלייש פון דיע אדער יענע שחיטה וואס איז פארלעסליך ביים קונדען קרייז, אבער דאס איז פארפירעריש! דעריבער דארף זיך יעדער איינער זיין פארזיכטיג און זיך פארזיכערין אז ער ווערט נישט פארפירט און אפגענארט,

בעקעריעס

אין אלע בעקערים ווערין באניצט פראדוקטען פאר קעיקס וואס דארפען האבען א פארלעסליכען הכשר, נישט אלע בעקערים ווייסען דאס און געבען נישט אכט וואס עס ווערט אריינגענומען אין זייער בעקעריי דעריבער דארף יעדער אכטונג געבען דאס די בעקעריי ווי ער קויפט איין, באניצט זיך מיט די ריכטיגע כשר׳ע פראדוקטען ◦

מיר זענען שוין געווען באזוכען בעקעריעס וועלכע זענען וויליג צו ניצען נאר די פראדוקטען וועלכע מיר וועלין זיי אנווייזען, אבער אזוי ווי מיר האבען נאך נישט געקענט אינטערזוכען אללע פראדוקטען קענען מיר נאך נישט ברענגען א פוללען רעפארט, מיר האפען דאס אין נעקסטען מדריך וועלען מיר שוין קענען אלעס גענוי באריכטען

בעיבי פודס,

מיר האבען באזוכט די BEECH NUT פאבריק ווי מיר האבען געהאט די געלעגענהייט צו באקוקען די גאנצע פאבריק און אפילו צו עפענען זעהן די אינהאלטען פון אלע פארמאכטע קארטאנען מיט פעסער אין וועלכע עס ליגען די רוי מאטריאל וואס מען פארברויכט אין די פאבריק◦ אויך האבען מיר אלעס אדורך גערעדט מיטין כעמיסט פון פאבריק און האט אונז געוויזען אלע ביכער מיט די וויטאמינען וועלכע ווערין אריינגעלייגט, צו אונזער פולע צופרידינהייט, אדאנק די פולע קאאפעראציע פונעם דאדטיגען משגיח -◦

אזוי ווי מיר האבען נאך א רייע בירורים צו מאכען קענען מיר נישט שרייבען א פולען באריכט וועגען - ביטש נאט -

געשיר (טבילת כלים)

אין פיהל הארדווער סטארס געפינען זיך מקוה׳ס פאר טבילת כלים, עס איז א פליכט צו פערלאנגען פון אייגענ- טומער צו לאזען וויסען ווער עס האט מכשיר געווען די מקוה און איב די ווערט צו א מאהל אונטערזוכט ◦

## גרויס הענדלער WHOLESALER

פיהל גרויס הענדלער אפילו וואס האבען פראדוקטען וואס זיי לאזען ערצייגען מיט א באקאנטען הכשר-פאר-קויפען זיי אויך פראדוקטען וואס האבען נישט קיין הכשר אדער א הכשר וואס איז נישט באקאנט, דעריבער דארף יעדער וואס קויפט פון א גרויס הענדלער זיך נישט פארלאזען אויף דעם וואס מען זאגט אז עס איז כשר, נאר דארף זיכער מאכען דורך נאכפרעגען וועלכע פראדוקט עס איז באמת כשר.

פיש (קארפען)
די וואס קויפען קארפען פיש דארפען גוט אכטונג געבען גוט בודק צו זיין ווייל עס איז פול מיט ווערים (זעה שימושה של תורה וויאזוי דאס בודק צו זיין)

## פלענטערס אויל און פראדוקטען

מיר זענען געוועהן באזוכען די פלענטער'ס פינאט קאמפאני ווי מיר האבען אלעס געזעהן מתחילת הכתישה און מיר האבען זיך איבערצייגט דאס עס קימט נישט אריין אין די קאמפאני נאר פינאטס פון וואס מען ערצייגט די אללע פאלגענדע פראדוקטען אין וועלכע עס איז נישט פארהאנען קיין חששות;

PLANTER,S 100% pure peanut oil

DIP PEANUTS
Peanuts
Jumbo Block
Old Fashon Peanut can
Peanuts Dry Roast
Almonds
Cashews
Peanuts Chopped Roasted
Pecans
Peanuts Barse Squars
Old Fashion Peanuts Bars
Old Fashion Peanuts Candy

אין Peanut butter קומט אריין אן עמולספייער וואס מיר האבען נאך נישט געקענט גיין זעהן ווי אזוי מען מאכט דאס Peanut butter , ווערט געמאכט אין אנדערע כלים ווי די אויבען דערמאנטע פראדוקטען.

די פאלגענדע פראדוקטען זענען מילכיג (פון חלב סתם)
און ווערין געמאכט אין עקסטערע כלים;

Chocolate Peanuts
Chocolate Peanuts Buffer Cup
Chocolate Covered Jumbo Block
Chocolate Nut Assortmant
Chocolate Raisins

פרוכט פרן א"י

מען דארף געווארענט זיין צוקוקען אויף די פרוכט קענס אוי עס שטייט נישט דאס די פרוכט קומט פון א"י, ווייל לעצטענס ווערט אימפארטיערט פרוכט פון א"י צו פארנוצען אין אמעריקאנער קעננעריעס.

קעיטערעס און רעסטוראנטען

אין די קעיטערערס און רעסטעראנטען ווערין געגוצט פיהל זאכען וועלכע דארפין השגחה, מיר האבען שוין באזוכט פיל קעיטערערס און רעסטוראנטען וועלכע האבען פארשפראכען צונוצען נאר די זאכען וועלכע מיר וועלין זייי אנווייזען אלס כשר, מיר האלטען ב"ה אין איין אונטערזוכען פראדוקטען מיר האפען בקרוב ארויס צוקומען מיט א פולע באריכט און אויך מיט די נעמען פון די קעיטערערס און רעסטוראנטען וועלכע נוצען נאר די פראדוקטען וועלכע מיר וועלען זייי אנווייזען.

קארן פלעקס -רייז קריספיס

מיר זענען געוועהן באזוכען די קאמפאני
Van Brode, Clinton Mass. און מיר האבען
געזעהן אללע אינגרידיענטס און די גאנצע פראצעדוער
ווי פאלגענד,
מען צעמאלט די קארן און די רייז אויף מעהל דערנאך
מישט מען אריין צוקער, זאלץ, און מאלט, (קיין שום
וויטאמינען אדער כעמיקאלען) און מען קאכט דאס,
נאכדעם ווערט דאס אויסגעטריקענט און עס געהט דורך
וועלגער מאשינען, דערנאך ווערט דאס געבלאזען און
צום סוף ווערט דאס געבאקען (נישט אין פעטענס),
דאס עס איז נישט דא קיין שום חששים.

# Correction of errors

*We regret that in the last issue there were a few errors as follows:*

<u>*EGGS*</u>*:* *In the article about eggs we were reffering to canned or frozen eggs.*

<u>*NOODLES*</u>*:* *We mentioned in the article that oil is put into the noodles of Bennet Food Co. In reality <u>No</u> oil is added.*

<u>*YEAST*</u>*:* *Fleishman's Red Star yeast does not contain vegetable oil.*

<u>*WHIPPED MILK*</u>*:* *Whipped Milk should be read whipped cream.*

Due to technical difficulties , we were unable to publish our English edition at the present time. We hope to continue our English edition in the future .

## שימר לב

מפאת אהבת הקיצור תידגמנו כמה מכתבים מאידיש ואנגלית ללשון נקי' וקצרה ה"ה לשון הקודש.

....צריכין להודיע ולפרסם שרוב מוכרי בשר שמציגין שלט על הכשרות מרבנים שיחיו, כוונתם רק מה שנוגע על החנות והיינו ניקור ומליחה, ולא על השחיטה כמובן שאינו תחת ידם....הי' צריך להיות בלשון שיובן לכל ולא יכשלו, שרוב העולם סומכים על סמך השלט גם על השחיטה ...

זלמן משה לעוויטין

....לפני שנה קניתי שוקולד בשם "הדר" שנראה ונדמה להיות פארווע. במקרה קראתי את ההרכב (INGREDIENTS) הנדפס בגרמני וראיתי שנרכב עם אבק חלב ובכן פניתי לוועדכם לפעול בדבר...ולפרסם שהשוקולאד (CRIQUETTE) הוא -מילכיג-

דר. בערנארד פרישמאן

הערת העורך
גם הננו מעוררים כי גם השוקולאדע RAGUSO המובא משווייץ הוא מילכיג אף שלא כתוב עליו כן

....מי הוא המכשיר על מקוה של טבילת כלים הנמצא בחנות כלים (HARDWARE) ואף אם נבנה בהשגחת רב לפני עשר שנים, מי יאמר דגם היום כשר, ולמה גרע ממקוה כשרה של נשים. על כן נכון שכל בעל חנות שיש לו מקוה יהי' לו שלט על חלונו שיכתוב בו שם מכשיר המקוה.

הרב ח.ד.נ.

....נתעוררתי בענין כלים הנקנים בחנות של עכו"ם האם יש לחוש שכבר נשתמשו בו פעם אחת.דידוע מנהג המדינה זו שקונים אף מה שאין בדעתו להחזיקו, ואף בדעתו להחזיקו, הלא אפשר לשנות דעתו ומחזירו אף אחר שהשתמש בו, דלא ניכר השתמשו, ובעל החרושת או בעל החנות נותן בחבילה חדשה, ומוכרו, א"כ יש לחוש שנעשה טריפה או נשתמשו בו בחלב או בבשר. אף בחנות יהודי יש לחוש לזה אבל אפשר שידקדק לא למוכרו ליהודי...כל זה נתעוררתי משום מעשה שהי'.... אף שאמרו חכמים "אין לדבר סוף" מ"מ בודאי יש לחשוש שלא לקנות כלי שלא בא בחבילה, תיבה, או קופסא מקורי, אצל עכו"ם.

שמחה זהבי

בס"ד

## א בקשה פון מערכת וועד הכשרות

כדי מיר זאלען קענען אן גיין מיט אונזער הייליגער ארבעט זענען מיר שטארק גענויטיגט אין די פאלגענדע זאכען וואס מיר ווען דא שרייבען,

א) מיר נויטיגען זיך אין הילף פון יונגע לייט וואס האבען קארס כדי עס זאל אונז נישט קאסטען די גרויסע אוי-סגאבען וואס איז זייער שווער נאך צו קומען,

ב) מיר נויטיגען זיך אין עסקנים וואס זענען אינטערעסירט גיין נאך קוקען אין קאמפאניס ווייל יעדע זאך ווערט געט-אהן דורך 3 אנשים תלמידי חכמים,

ג) מיר נויטיגען זיך אין יונגע לייט וואס ווילען צו העלפן די פיזישע ארבעט ארויס צו שיקען פאר טויזענטער יודען דעם מדריך הכשרות,

ד) מיר בעטען דעם גרויסען ציבור וואס פארשטייען דאס גרויסע ענין פון אונזער ארבעט זאלען אונז צו העלפען דורך שאפען יעדער איינער האטש 5 מעמבערס ווייל מיר ווי-לען נישט בעטען קיין געלט ביים עולם,

ה) אויך נויטיגען מיר זיך אין יונגע לייט וואס זענען וויליג צו זיין בייהילפיג אפאהר שעה אוואך און פארשי-דענע ארבעטען,

ו) אזוי וויא אלעמען איז באקאנט דע הויכע פרייזען פון פאפיר אין דרוקען. על כן בעטען מיר בכל לשון של בקשה אז מען זאל נישט ווארטען אויף דערמאנונגען נעמט שויך א פעדער אין די האנט אין שטעלט אויס א טשעק פון 4$ אין שיקט עס אריין, עס דארט אין גאנצען 3 מינוט - און מיט

דעם וועט איהר העלפען מיר זאלען קענען אן גיין מיט די הייליגע ארבעט,

ז) די פעסשטעלונגען איז נאר חל ביז 2 חדשים ווייל נאך דעם איז מעגליך צו טוישען די אינגרידיענס,על כן זאל יעדער פארזיכטיג זיין און נעקסטען ירחון נאך צו קוקען אויב עס נישט דא קיין ענדערונגען,

ח) די וואס באקומען דעם ירחון אין ענפערען נישט האלטען מיר אז ער איז נישט אונטערעסירט מעהר און עניני כשרות ע"כ וועלען מיר ווייטער נישט שיקען פאר די נאר פאר אונזערע מעמבערס, און די וואס האבען נאך קיינמאל נישט באקומען,

ט) מיר בעטען דעם עולם מען זאל פינקטליך שרייבען דעם נאמען-אדרעס-זיפ קאויט-מען זאל זיי קענען ליינען.

י) אויב מען מופט זיך בעטען מיר מען זאל אונז באלד צו וויסען טאן . ותודה למפרע .

ה מ ע ר כ ת

[redacted]

# מדריך לכשרות

## — ירחון דהתאחדות הקהלות —

ערשיינט יעדע צוויי חדשים – פרייז $4 א יאהר
פאר יעדע 4 סובסקרייבערס וואס איהר פערשאפט
בעקומט איהר צוגעשיקט – אומזיבנסט – די ערשטע
באנד פון יאהר תשל"ד-ל"ה פון אונזער ירחון

— ·:· —

## אַ נייע געבענשטע אינסטיטוציע „וועד הכשרות"

שטילערהייט, און אָן גרויסע פאַנפאַרען, האָבען אַ צאָל בני־תורה אויפגעשטעלט נעבען דעם „קהל יסודי התורה" אַן אינסטיטוציע, וועמענס אויפטוען ברייכען ווייט אַרויס פון די ראַמען פון זייער קהילה און וואָס פאַרדינט אונזער באַגריסונג.

נעבען דעם „קהל יסודי התורה", וועמענס גייסטיגער מנהיג איז דער דעברעצינער רב הרב ר' משה שטערן שליט"א, איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַ „ועד הכשרות", וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו אונטערזוכען אַ גאַנצע ריי פון פאָפולערע מאַסען־פּראָדוקטען און מיט וויסענשאַפטליכע מעטאָדען פעסטשטעלען זייער כשרות. די אַרבעט ווערט געטאָן פון קוואַליפיצירטע וואָלונטירען שלא על מנת לקבל פרס און זייערע פעסטשטעלונגען פאַרעפענטליכען זיי אין אַ ספעציעלען זשורנאַל וואָס טראָגט דעם נאָמען מדריך הכשרות.

דער אויפטו איז אַ געוואַלדיגער הן לחומרא והן לקולא. ערשטענס אונטערזוכען זיי פּראָדוקטען, וואָס זיינען אָנגענומען אַלס אויסער יעדען ספק פון כשרות און צווייטענס שטעלען זיי אויך פעסט, אַז פיל פּראָדוקטען פון וועלכע מענשען האַלטען זיך אָפּ צוליב כפיקות, זיינען פאַקטיש פריי פון יעדער חשש איסור.

אַזוי למשל האָט דער „ועד הכשרות" לעצטען יאָר פאַר פסח פעסטגעשטעלט, אַז אַ גאַנצע ריי מעדיקאַמענטען, פון וועלכע פיל אידען מהדרין האָבען זיך יאָרען אָפּגעהאַלטען פון גוצען פסח, זיינען פאַקטיש מותר צו נוצען אין פסח אָן וועלכען ס'איז חשש. זיי האָבען דערמיט אַ גרויסע טובה געטאָן פיל קראַנקע, וואָס האָבען געליטען פאַר לאַנגע יאָרען אָן באַרעכטיגטער סיבה.

מיר רעקאָמענדירען פאַראינטערעסירטע לייענער זיך צו באַקענען מיט דער וויכטיגער אַרבעט פון „ועד הכשרות" דורך אַבאָנירען זייער צייטשריפט „מדריך הכשרות" דורך פאַרשטענדיגען זיך מיט דעם „ועד הכשרות", פאָסט באָקס 56, ברוקלין 11228, אָדער רופען הרב יעקב מאָסקאָוויץ אין אָוונט פון 9 ביז 10:30 אויפן טעלעפאָן 232-3100

דער מדריך הכשרות איז פון גרויס באַדייט סיי פאַר רבנים און סיי פאַר יעדען באַוואוסטזיניגען אָרטאָדאָקסישען איד.

NAME ..............................
STREET ..............................
CITY .............................. ZONE.....
TEL. .................. Sign of Subs. ..............

NAME ..............................
STREET ..............................
CITY .............................. ZONE.....
TEL. .................. Sign of Subs. ..............

NAME ..............................
STREET ..............................
CITY .............................. ZONE.....
TEL. .................. Sign of Subs. ..............

NAME ..............................
STREET ..............................
CITY .............................. ZONE.....
TEL. .................. Sign of Subs. ..............

השולח
SENDER ..............................
STREET ..............................
CITY .............................. ZONE...
TEL. ..............................

VAAD HAKASHRUS
P.O. BOX 56
BROOKLYN, N.Y. 11228

ו ו י כ ט י ג ע מ ו ד ע ה פ א ר

מאנרא -- מאנסי - סקווערער - אייבווינבער א.ד.ג.

וואס פארען אויף לאנגע וועגען יעדען טאג

וואס קען מען טוהען שעהן לאנג יעדען טאג פארענדיג אויף דיא וועגען? איהר האט יעצט די בעסטע געלעגענהייט זיך אייך צו קויפען דעם בארומטען סעט .

# חק לישראל

## אין 54 בענדער יעדע פרשה א באזונדערער באנד

מיט אלע מפרשים אויף עברי טייטש, תנ"ך, משניות, גמרא, מוסר, הלכה, אלעס איבערזעצט אויף א לייכטע אידישע שפראך, מיט שיינע, ליכטיגע און קלארע אותיות

**כדי צו קענען טראגען מיט זיך און משלים זיין יעדען טאג דעם חק לישראל**

כל האותיות המטושטשות והבלתי ברורות, וכן כל השיבושים מהדפוסים הקודמים, תוקנו.
נדפס כעת על הנייר הכי משובח

הקריאה בו קלה לעינים

## ספעשיל הנחה פאר בחורים און כולל יונגעלייט
## אויך א ספעשיל הנחה פאר בתי מדרשים

* * *

יוסעל....!!! מיט וואס ברענגסטו אן עטליכע שעה יעדען טאג פארענדיג אין אהיים קומענדיג פון די ארבעט?
יאנקעל...!!! ב"ה איך ברענג נישט אן קיין ליידיגע מינוט, איך לערען א דורך יעדען טאג דעם חק לישראל וואס איז געדריקט אין א פאקעט סייז...עס איז ממש א פארגעניגען שיינע ליכטיגע אותיות אין מיט ע"ט .
יוסעל....!!! וויא קען מען דאס באקומען עס איז דאך אפלאך...
יאנקעל...!!! עס איז פשוט זייער לייכט !!!מאכט אייך טלפון קאהל 384-5055 גערענקט 384-5055 באקומט איהר דאס דערליווערט אהיים אין דעם זעלבען טאג אן קיין שום דאגות אין עס קאסט אייך גארנישט מעהר ...

## רפואה דראג סטאר

**עס איז דא ביי אונז צו באקומען אלע מעדיצינען, קאסמעטיקס, "העלט פוד", נאטירליכע וויטאמינס, און אלע כשר'ע וויטאמינים**
**טלפון : 387-0021**
**-- פרי דעליווערים --**

כתבי יד עתיקים
המעונין בכתב יד של הצה"ק ר' הלל ז"ל מקאלאמאיע על חכמת הקבלה יפנה אל התלפון 384-5055

**הצלה רופא: 387-1750**

אפשר כבר לראות בכל בתי מסחר ספרים

# הש"ס החדש של אוצר הספרים

כרך אחד לדוגמא בכריכה הכי מפוארת
שיצא אי"ה בחודש אדר הבעל"ט

## בעשרים כרכים בהוצאה יותר משופרת

בית מסחר והוצאת הספרים „אוצר הספרים" אשר לפני רבות בשנים הי' מן הראשונים להוציא ש"סים וכל ספרי קודש בארה"ב מתפאר להודיע שכבר נגמרו בע"ה כל ההכנות להוצאת

הש"ס „אוצר הספרים" היותר שלם ומהודר
בעשרים כרכים מפוארים

**עם מעלות והוספות הכי מפתיעות ובכל זאת**
**יהי' המחיר בתכלית הזול, והנה כמה ממעלותיו:**

- מפרשים חדשים, הגהות נכבדות, חידושים יקרים מגדולי התורה שעדיין לא ראו אור הדפוס.
- נייר חזק ואמיץ יפה ונהדר שבעל בהח"ר הבטיח קיומו למאה שנה.
- כריכה מיוחדת במינה המצאת הטכניקה החי מחודשת המבטיחה קיום לדור דורים. הש"ס בכריכתו הזו, הוא הראשון במינו אשר לא יהווה בו גבות קרועים ודפים נופלים.

**עשו ריזרבציות לש"ס אחד עוד היום לרגל ההוצאה המצומצמת**

כי עכשיו המחיר יותר בזול עם 25 אחוז
וכשיצא לאור יעלה עם 25 אחוז יותר

**S. GOLDMAN — OTZAR HASEFARIM, Inc.**

**IMPORTERS & PUBLISHERS OF HEBREW BOOKS**

**33 Canal Street, New York, N. Y. 10002**

**Tel.: ORegon 4-1707 or 260-0520**



Non-Profit Org.
U. S. POSTAGE
Paid
Brooklyn, N. Y.
Permit No. 11517